# חג הפסח

**בס"ד. משיחת יום ב׳, ג׳ דחול המועד סוכות ה׳תשמ"א**
**– להתלמידים ולהתלמידות שיחיו, בבית הכנסת, אחרי תפילת מנחה –**
**הנחה פרטית בלתי מוגה**

## צבאות השם

דערפאַר איז אויך דער פאָרשלאַג, אַז די פאַראייניקונג, די "יוניטיס", זאָלן אָנגערופן ווערן מיטן נאָמען "**צבאות השם**" – דער זעלבער נאָמען אין אַלע לענדער, וואָס דאָס וועט זיי אַלעמען פאַראייניקן, און זיי זאָלן זיך אויפפירן ווי אַ צבא דאַרף זיך אויפפירן.

ווי אַזוי ווייס מען ווי אַזוי "צבאות השם" זאָלן זיך אויפפירן?

זאָגט מען אויף דערויף, אַז וויבאַלד אַז מ׳זעט ווי דער אויבערשטער האָט איינגעשטעלט, אַז (די אַרמיי) אַן אַרמיי פירט זיך דאָ, צווישן מענטשן – איז דאָס דערפאַר וואָס אַזוי (פירט) דאַרף זיך פירן אויך דעם אויבערשטנ׳ס אַרמיי.

וואָס אַן אַרמיי האַלט זיך אויף דעם, צום אַלעם ערשטן, אַז יעדער איש צבא – יעדער "סאָלדזשער" – ווייס, אַז דאָס איז אַן ערנסטע זאַך;

דאָס איז טאַקע אַ **געזונטע** זאַך און אַ **גליקליכע** זאַך און אַ **פריילעכע** זאַך, אָבער מ׳באַציט זיך דערצו מיט ערנסטקייט; מ׳פאַרגעסט ניט אַז מ׳געהערט צו צבא השם,

און אויף וואָס האַלט זיך אַן אַרמיי? אַז בשעת ס׳קומט אָן אַ פקודה, ס׳קומט אָן אַן "אָרדער", אַז מ׳דאַרף טאָן אָט די און די זאַך – פרעגט מען ניט קיין שאלות און מ׳זוכט ניט קיין טעמים, און צי מ׳פאַרשטייט דאָס יאָ אָדער ניט, איז צום אַלעם ערשטן – ערפילט מען די פקודה, דעם "אָרדער".

און אַזוי אויך יעדער אידיש קינד, אַז ער דערהערט אַז (ס׳שטייט אין תורה) אַזוי איז אין תורה, אַז מ׳דאַרף טאָן – מקיים זיין – אָט די און די מצוה,

ווי צום ביישפיל, אַז בשעת ער דאַרף עסן עפּעס, שטייט אין דער תורה, אַז ער דאַרף פריער ווייסן, אַז דאָס איז כשר; אויב ס׳איז ניט אַזוי –

איז אָט דעמאָלט, אויב ס׳איז אפילו געשמאַק און ס׳ווייזט זיך אויס, אַז דאָס איז גוט פאַרן געזונט פון דעם גוף – פרעגט ער ניט קיינע שאלות און זוכט ניט קיינע טעמים, וואָרום ער האָט באַקומען די פקודה – דעם "אָרדער" – פון דעם וואָס פירט-אָן מיט דער אַרמיי, וואָס דאָס איז דער אויבערשטער, אַז מ׳מעג עסן מערניט ווי כשר׳ע זאַכן, און איידער מ׳מעסט דאַרף מען מאַכן אַ ברכה, מיט אַלע פרטים ווי די ברכה איז אויסגעשטעלט – פאַר יעדער עסן זיין באַזונער ברכה, אַזוי אויך פאַר טרינקען.

וואָס דאָס איז דער סדר ביי אַ אידן, וואָס אַלע אידן זיינען דאָך דעם אויבערשטנ׳ס צבא, אַז ס׳דאַרף זיין "נעשה" קודם ל"נשמע".

אַ צווייטע זאַך איז:

בשעת מ׳איז אַן אַרמיי, איז אָט דעמאָלט קען מען ניט זאָגן, אַז אַזוי ווי ער איז באַלעבאָס אויף זיך, קען ער זיך פירן ווי ביי אים קומט אויס, אויב אפילו דערפאַר וועט קומען אַ שטראָף, איז ער מסכים באַקומען דעם שטראָף און פירן זיך ווי ביי אים קומט אויס,

ווי דערמאָנט אין דעם פריערדיקן ביישפיל, אַז ער זאָגט, אַז אים האַרט ניט אַז מ׳וועט אים באַשטראָפן פאַר עסן ניט-כשר רחמנא ליצלן, וואָרום דאָס איז געשמאַק, אפילו אַז דערנאָך וועט מען אים באַשטראָפן –

איז בשעת מ׳איז אין אַן אַרמיי, איז ניט שייך דער ענטפער, דערפאַר וואָס ס׳קען זיין, אַז מ׳וועט באַשטראָפן, אַז דורך זיין אויפפירונג זיך פאַרקערט ווי אַן אַרמיי דאַרף זיך אויפפירן – שטעלט ער אין סכנה די גאַנצע אַרמיי, דעם גאַנצן "פראָנט", דעם גאַנצן "חזית", און דער שטראָף אויך ברענגען אַ סכנה – רחמנא ליצלן – פאַר גאַנצן אידישן פאָלק.



© 2004 Jewish Educational Media, Inc.

ב"ה

# LIVING TORAH

## חג הפסח

און וויסן צי דאָס איז נוגע מערניט [ווי] צו אים אַליין, אָדער דאָס איז נוגע צו נאָך אידן, אָדער צום גאַנצן אידישן פאָלק – קען דאָס וויסן מערניט [ווי] דער ״קאָמאַנדיר-אין-טשיף״, אָט דער וואָס ווייס דעם פלאַן פון דער גאַנצער מלחמה, און ער ווייס ווי דער ״פראָנט״ איז אויסגעשטעלט, און ווייס וועלכע זאַך איז וויכטיקער און וועלכע איז ווייניקער וויכטיק,

דאָס קען אָבער ניט וויסן אַן איש צבא, אַן איינפאַכער ״סאָלדזשער״, אפילו אַן אָפיצער, אפילו אַן ״דזשענעראַל״; דאָס קען וויסן **באמת** מערניט ווי דער וואָס שטייט גאָר אין אָנהויב, גאָר אין דער הויפּט, וואָס דאָס איז דער מלך מלכי המלכים הקב״ה.

(און דערמיט קען מען) און דאָ קומט-צו נאָך אַ דריטע זאַך,

אַז אפילו בשעת דעם ״סאָלדזשער״ ווייזט (אים) [זיך] אויס, אַז ער קען טאָן לטובה פון דער אַרמיי דורך ניט פאָלגן דעם ״אָרדער״, און טאָן אַ צווייטע זאַך וואָס ביי אים קומט-אויס, אַז דאָס איז גוט פאַר דער גאַנצער אַרמיי –

זאָגט מען אים אויך, אַז (דאָס) דאָס קען וויסן מערניט [ווי] אָט דער וואָס שטייט בראש, וואָס פירט-אָן מיט דער גאַנצער אַרמיי און מיט דער גאַנצער מלחמה,

און די זאַך פון אַ ״סאָלדזשער״ איז, ווי געזאָגט פריער – קבלת-עול, און ס׳זאָל זיין דער ״עובדו כראוי״, וואָרום דער אויבערשטער שטייט לעבן אים,

און טוט דאָס אויך מיט אַ שמחה,

וואָרום ער האָט דעם גרויסן זכות מלחמה-האָבן פאַר דעם אויבערשטן, דעם אויבערשטנ׳ס מלחמה, סיי אַן אינגעלע און סיי אַ מיידעלע,

אָנהויבנדיק נאָך בשעת זיי זיינען נאָך ״טף״, בשעת זיי זיינען נאָך גאָר קליין, האָבן זיי שוין באַ זיך דעם ציווי – דעם ״צַו״ – אַז מ׳האָט זיי אַריינגענומען אין ״צבאות השם״,

און דערפאַר גיט מען זיי אויך דעם כח, אַז זיי זאָלן קענען ביישטיין די מלחמת היצר, און דורכפירן דעם אויבערשטנ׳ס שליחות,

און טאָן דאָס, ווי דערמאָנט פריער, מיט **שמחה**.



© 2004 Jewish Educational Media, Inc.